יד. די צווייי ענינים פון רצוא און שוב וואס מען האט גערעדט פריער זיינען בכללות אויך די צווייי סארטן עבודות פון צדיקים און בעלי תשובה. א צדיק איז דאך ענינו שלא חטא מעולם, ובפרט לפי המבואר בתניא בענין שם התואר צדיק, אז ער איז גארניט שייך לחטא, כי אין לו יצה"ר. און א בע"ת איז דער וואס האט געהאט רע, און האט מהפך געווען זדונות לזכיות. וואס דאס איז דאך דוגמת רצוא ושוב, דרצוא איז אויסגעטאן פון וועלט, און שוב איז אז ער איז מברר אויך דעם מטה, ביז אז ער פועל'ט דעם בירור אויך אין מת (וגם אחרי ששב לעפר) שנעשה חי, מהפך זדונות לזכיות.

און דעריבער איז א בע"ת העכער פון א צדיק, סיי מצד עבודתו, וואס זיין עבודה איז בחילא יתיר, וכמבואר בתניא (פ"ז) אז דוקא מצד דעם וואס ער איז געווען בארץ ציי וצלמות איז ביי איס דער צמאון א שטארקערער, סיי מצד דעם ארט וואו ער דערלאנגט למעלה, איז ענין התשובה נעמט זיך דאך פון למעלה מהשתלשלות (בדוגמת תחה"מ וואס זי נעמט זיך פון למעלה מהשתל' כנ"ל), העכער פון עבודת הצדיקים, תומ"צ, וואס איז אן עבודה שבהגבלה און נעמט זיך פון השתלשלות.

וכמאמר רז"ל ע"פ טוב וישר הוי', אז שאלו לחכמה, לנבואה, לתורה, און פון די אלע ערטער איז ניטא קיין ארט אויף תשובה, נאך שאלו להקב"ה (שלמעלה מתורה, השתל') האט ער געענטפערט יעשה תשובה ויתכפר לו. נוייל מצד למעלה מהשתל' קען מען מהפך זיין אויך רע לטוב, דלגבי' הכל בשוה. וזהו שכתוב טוב וישר הוי' על כן יורה חטאים בדרך, דמצד בחי' טוב וישר שלמעלה מהשתלשלות איז ער מורה אויך חטאים, שגם הזדונות נהפכים לזכיות.

אלא שמ"מ, גם ענין התשובה נתגלה ע"י התורה כידוע, דאעפ"י אז תורה מצד עצמה איז דאך בחי' השתלשלות והגבלה, איז אבער מצד דעם וואס אורייתא וקוב"ה כולא חד, וואס דער אויבערשטער איז דאך כל יכול, הנה גם זה נתגלה ע"י התורה.

טו. די צווייי ענינים פון צדיקים ובע"ת זיינען בכללות די צווייי ענינים פון פסח ראשון און פסח שני. פסח ראשון הו"ע עבודת הצדיקים, כי פסח ראשון הו"ע הגירות, וגר שנתגייר כקטן שנולד. איז ער דאך ניט שייכות לגמרי צו מציאות הרע. ופסח שני הו"ע התשובה, ווארום דער גאנצער ענין פון פסח שני איז דאך געקומען פון דעם וואס אנחנו טמאים לנפש אדם, טומאת מת שבסיבת חטא עה"ד שרש כל החטאים, ואחרי הטומאה קומט פסח שני, ענין

התשובה.

התשובה. וכמו שאמר כ"ק מו"ח אדמו"ר („היום יום" יד אייר): פסח שני ענינו איז – עס איז ניטא קיין „פארפאלען", מען קען אלעמאל פאריכטן. אפילו מי שהי' טמא, מי שהי' בדרך רחוקה. און אפילו „לכם" אז דאס איז געווען ברצוננו, פונדעסטוועגן קען מען מתקן זיין.

עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט ביי פסח שני למה נגרע. דלכאורה, פארוואס זאל גאר זיין א סלקא דעתך אז יא נגרע? ועד"ז אויך אין פתגם הנ"ל פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז דער לימוד פון פסח שני איז אז ס'איז ניטא קיין פארפאלען, דלכאורה, פארוואס זאל מען טראכטן אז ס'איז יא פארפאלן, ביז אז מען דארף האבן אויף דעם א לימוד מיוחד? והענין בזה, ווייל מצד הבחינות חכמה, נבואה, און אפילו מצד בחי' התורה (עצמה), העלפט טאקע ניט קיין תשובה, ס'איז טאקע פארפאלן. נאר וויסנדיק אז טוב וישר הוי' ע"כ יורה חטאים בדרך, האבן זיי גע'טענה'ט למה נגרע (ועד"ז בפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר). און אויף דעם איז געקומען דער ענטפער (מבחי' הקב"ה שלמעלה מתורה, אלא שנתגלה ע"י תורה) – דער ענין פון פסח שני.

און דאס איז אויך דער טעם אויף די חילוקים וואס עס זיינען דא בין פסח ראשון לשני: א) פסח ראשון איז אסור (בחמץ) בבל יראה ובל ימצא, און פסח שני, חמץ ומצה עמו בבית (פסחים צה,א). ב) פסח ראשון נוהג כל שבעה, סיי אין דעם קו פון ועשה טוב, אז ער איז נאכל לששה (פסחים צה,ב) (אז אוכלין עליו מצה ששה ימים), סיי אין דעם קו פון סור מרע, אז חימוצו איז כל שבעה (שם צו רע"ב) – (וואס לכאורה איז דאס גאר ניט קיין דין אין <u>פסח</u>, נאר אין חג המצות. ראעפ"י אז אגיפן קרבן <u>פסח</u> שטייט טאקע לא תשחט על חמץ, איז אבער דאס וואס נוהג כל שבעה, האט דאך ניט צו טאן מיטן קרבן פסח. אבער פונדעסטוועגן שטייט דאך אזוי דער לשון אין גמרא) – און פסח שני איז נוהג נאר יום אחד.

איז דער ביאור פון די צוויי חילוקים: פסח ראשון שהוא עבודת הצדיקים האט מען ניט צו טאן מיט רע, דעם רע איז מען ניט מברר. ולכן חמץ אסור. משא"כ פסח שני שהו"ע התשובה, שגם הזדונות נהפכו לזכיות, איז חמץ ומצה עמו בבית, שמבררים גם החמץ. און וויבאלד אז עבודת התשובה איז למעלה מהגבלה, אז סיי אין נפש האדם דירט עס אן אין עצם הנפש און אזוי אויך למעלה דירט עס אן אין למעלה מהשתלשלות כנ"ל, דעריבער איז עס יום אחד – למעלה מהגבלה והתחלקות. וואס ענין יום אחד איז ניט מצד מיעוט הענין, נאר אדרבה, שהוא למעלה מהתחלקות. וכמבואר בתו"א דער טעם אויף דעם וואס חג השבועות איז יום אחד, ווייל מ"ת איז פון למעלה מהשתל' כו'.

וואס דאס איז אויך וואס עס שטייט בנוגע די תשובה דראב"ד, בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בשעה <u>אחת</u>, דעבודת הצדיקים הוא בסדר והדרגה, וואס דעריבער איז ביי רבי'ן האט גענומען עבודתו א משך זמן, בחי' התחלקות

(אלא שמ"מ, האט די תשובה דראב"ד ארויסגערופן תשובה אויך ביי רבי'ן, דזהו <u>בכה</u> רבי, דבכי' הו"ע התשובה. ובדוגמת המבואר בענין ספה"ע עה"פ אחריך נרוצה לשון רבים, אז אויך ביי דעם נפש האלקית ווערט בחי' מרוצה, דע"י שהנפש האלקית מברר את נה"ב, פועל'ט דער נה"ב ענין המרוצה גם בנפש האלקית. אלא שמ"מ, גם אחרי שבכה רבי אין זה כמעלת תשובה דראב"ד, כדלהלן)

און ביי ראב"ד, וואס ביי אים איז געווען (ע"ז יז,א) (הניח) ראשו בין ברכיו (וגעה בבכי'), למעלה מהתחלקות, איז קונה עולמו בשעה אחת.

טז.

טז. עפ"י הנ"ל בענין פסח שני, וועט מען פארשטיין אויך די ג׳ אופנים וואס עס זיינען דא בפסח שני, ווי ס׳איז מבואר באריכות בתשובת הי"א בן הרמב"ם: א) פסח שני איז אן ענין פון תקנתא לפסח ראשון: ד.ה. אז באלד כשלא הקריב פסח ראשון האט ער גלייך די עצה ותקנה להקריב פסח שני. ב) פסח שני איז תשלומין לפסח ראשון. והיינו אז דאס קומט שפעטער, דמלכתחילה האט ער טאקע עובר געווען שלא הקריב פסח ראשון, אלא שאח"כ יש לו תשלומין ע"י שמקריב פסח שני. ג) פסח שני איז א רגל בפני עצמו.

די נ"מ לדינא צווישן די דריי אופנים איז: גר שנתגייר וקטן שהגדיל בין פסח ראשון לשני, איז להאופנים דתקנתא ותשלומין דארף ער ניט מקריב זיין קיין פסח שני, משא"כ להאופן דרגל בפני עצמו; הזיד בראשון ושגג בשני איז להאופן דתשלומין איז ער חייב. בשעת אז שגג בראשון קען מען אים ניט מחייב זיין, ווייל ס׳איז דאך געווען בשוגג, משא"כ כשהזיד בראשון, איז ווייבאלד לא הקריב במזיד דארף ער דאך זיין חייב, ס׳איז ניט מער וואס ער האט א עצה פון תשלומין בפסח שני, איז בשעת אז לא הקריב בפסח שני, ער האט ניט געטאן די תשלומין, איז קיין נ"מ ניט צי דאס איז געווען בשוגג צי במזיד, דסוכ"ט ווייבאלד ער האט די תשלומין ניט געטאן, איז געבליבן דער חיוב על שהזיד בראשון. משא"כ להאופן דתקנתא, איז ער פטור. ווארום גלייך כשלא הקריב בפסח ראשון האט ער מלכתחילה די תקנתא, איז כל זמן ס׳איז ניט דורכגעגייענגען דער זמן פון פסח שני קען זיך אויף אים קיין חיוב ניט לייגן, און בשעת פסח שני איז דאך שגג, במילא איז ער פטור.

איז דער ביאור פון די ג׳ אופנים בפנימיות הענינים - ווייל אין תשובה זיינען פאראן, בכללות, ג׳ אופנים:

א) תקנתא דתשובה. והיינו אז גלייך בשעת מעשה החטא האט ער די תקנה דתשובה. וואס דער אופן דתשובה איז בחטאים סתם, וואס אין זיי האט תורה מתקן געווען בשעת החטא דעם ענין התשובה, ב) תשלומין דתשובה, און דאס איז בשעת אז ער איז חוטא באופן דאחטא ואשוב. איז בשעת החטא איז דינו אז אין מספיקין בידו לעשות תשובה, ווייל בשעת החטא איז ער זיך סומך על התשובה ולכך חוטא, איז ווייבאלד אז די תשובה ברענגט אים לחטוא איז אין מספיקין כו׳ כמבואר בתניא פכ"ה, און ווי דער ראגאטשאווער איז דאס מבאר, אז אין קטיגור נעשה סניגור. עס איז ניט מער וואס שפעטער, אויב דחק כו׳, קען די תשובה מכפר זיין.

- וואס די נ"מ פון די צוויי אופנים - תקנתא דתשובה, וואס זי איז בחטאים סתם, אז גלייך בשעת החטא האט ער די תקנה דתשובה, און תשלומין דתשובה, וואס זי איז באחטא ואשוב, וואס בשעת החטא איז דינו אז אין מספיקין, ס׳איז מער ניט וואס שפעטער קען זיין החק כו׳ - איז בנוגע מה שארז"ל לעולם יעסוק אדם כו׳, וואס אעפ"י אז דער רגילע איז ער מוסיף חיות בקליפות ע"י לימודו, מ"מ לעולם יעסוק אדם כו׳ ווייל ער וועט שפעטער תשובה טאן, און מעלה זיין די תורה שלמד בעת רשעתו. איז בשעת עס רעדט זיך וועגן אחטא ואשוב, דארף מען אנקומען צום ביאור פון לא ידח ממנו נדח, וואס מצד דעם איז אויך האומר אחטא ואשוב, וואס ער איז א „נדח" ווארום ס׳איז דאך אין מספיקין, וועט אויך זיכער תשובה טאן בגלגול זה או בגלגול אחר. משא"כ בחטאים סתם, וואס אין זיי איז דא תקנתא דתשובה, דארף מען ניט אנקומען צום טעם פון לא ידח ממנו נדח,

(וע"ד מ"ש בתניא סוף פל"ט (בענין לומד בסתם) ולכן לעולם יעסוק אדם כו׳, גם שלא מצד הטעם הלא ידח כו׳. ואף שבתניא שם מדבר בענין לומד בסתם הוא לפי שבתניא נקט קצוות: בתחילה מדבר בענין קצה התחתון ביותר „נדח" (והו"ע אחטא ואשוב) ובסוף הפרק, בענין לומד בסתם שאפילו ק"ב

לא

לא נתלבשה בו (וכמה דרגות בנתיים (כדמוכח גם בהל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג ובקו"א)), אשר בכל הקצוות, לעולם יעסוק כו')

עס איז מלכתחילה ניט קיין „נדח" (מער ניט ווי „רחוק"), ווייל ער האט דאך גלייך, בשעת החטא, די תקנתא דתשובה, ובדוגמת תקנתא דפסח שני. (ועוד דוגמאות: לאו שניתק לעשה, טריפת נותר, שילוח הקן - לכמה מ"ד) -

ג) רגל בפני עצמו דתשובה, והו"ע תשובת הצדיקים. וכידוע אז ענין התשובה איז שלא כטעות העולם אז תשובה איז על חטא דוקא, נאר ס'איז א דרך בעבודה. וכמאמר משיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא. און דאס איז דער ענין פון רגל בפני עצמו דפסח שני, שאי"ז תשובה על חטא, כי אם, תשובה דצדיקים.

(ואעפ"י אז כללות הענין דפסח שני איז, כפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר, ללמד אז ס'איז ניטא קיין פארפאלן, ונמצא שהו"ע תשובה על חטא, מ"מ ישנם בפסח שני כל אופני תשובה, גם התשובה דלאתבא צדיקייא. וכמו שבתשרי (שהחילוק דפסח ראשון ופסח שני הוא דוגמת החילוק דניסן ותשרי) יש גם התשובה דלאתבא צדיקייא).

יז. מען דארף נאך אבער פארשטיין: וויבאלד אז דער ענין פון רגל בפני עצמו דפסח שני הו"ע תשובה דצדיקים, איז פארוואס איז דער ענין פון פסח שני דוקא דעמאלט ווען ער האט ניט מקריב געווען פסח ראשון, דלכאורה, וויבאלד אז רגל בפ"ע דפסח שני איז תשובה דצדיקים, לא על חטא, איז דאך אויך דאן כשהקריב פסח ראשון, זאל ער מקריב זיין פסח שני?

און די זעלבע קשיא איז אויך עפ"י נגלה: וויבאלד אז ס'איז א רגל בפני עצמו, וואס דערפאר איז אויך גר שנתגייר וקטן שהגדיל חייב בפסח שני, איז פארוואס איז דאס תלוי בלא הקריב פסח ראשון דוקא?

וועט מען עס פארשטיין בהקדים, אז אויך אין פסח ראשון כאטש אז בכללות איז ענינו עבודת הצדיקים, איז אין אים פאראן אויך ענין התשובה (אלא שהוא תשובה דצדיקים, כדלהלן. ולכן אין סתירה בין ב' הענינים דגאולה העתידה היא (א) בניסן, (ב) לאתבא צדיקייא בתיובתא).

דהנה בפסח ראשון איז געווען דם מילה און דם פסח, וכמ"ש ואומר לך בדמייך חיי בדמייך חיי. דער חילוק פון דם מילה און דם פסח איז: דם מילה איז שייך בישראל - בחי' צדיקים. ודם פסח איז משכו מע"ז כו', (וואס לאחר מ"ת איז ברענגען א קרבן פון ע"ז איז גאר היפך התורה), בחי' תשובה.

אלא שכיון שאז נתגיירו, דגר שנתגייר כקטן שנולד, איז שייך אלא תשובת צדיקייא (על שנמצא בעולם ששייך בו ע"ז וצ"ל משכו כו').

ועפי"ז יובן הטעם אז דער וואס הקריב פסח ראשון איז ניט מקריב קיין פסח שני, ווייל פסח ראשון איז דאך שוין כולל אויך תשובת צדיקייא, האט ער דאך שוין געהאט דעם ענין פון רגל בפני עצמו דפסח שני. (וענין תקנתא ותשלומין דפסח שני, תשובה על חטא, איז דאך פשוט אז דאס איז שייך נאר ווען לא הקריב פסח ראשון).

יח. אעפ"י אז אויך אין פסח ראשון - צדיקים - איז דא תשובה, וויבאלד אבער אז ס'איז תשובת צדיקייא, האט זי ניט אין זיך די מעלה פון תשובה דפסח שני, וואס עיקר ענינו איז תשובה על חטא (תקנתא ותשלומין). אלא שכולל גם תשובת צדיקייא - רגל בפ"ע). ווייל דער צמאון וואס א בע"ת האט איז דוקא מצד דעם וואס ער איז געווען בארץ ציה וצלמות, און א צדיק קען

דאס

דאס ניט האבן. וואס דאס איז וואס בער המב"ם דאגט אז א בע"ת איז חביב ואהוב מער פון א צדיק, מיינט ער אפילו פון א צדיק וואס ביי אים איז פאראן אויך עבודת התשובה.

און דאס איז דער טעם וואס דוקא פסח שני איז יום אחד, משא"כ פסח ראשון איז שבעה ימים, דאעפ"י אז אויך בפסח ראשון איז דא עבודת התשובה, וויבאלד אבער ס'איז תשובת צדיקייא, איז דאס אלץ במדידה והגבלה, אפילו דער בכל מאדך פון א צדיק איז אויך בסדר והדרגה, וכמשנת"ל אז אפי' לאחרי שבבה רבי והגיע לתשובה, איז ביי אים ניט געווען דער ענין פון „בשעה אחת", דאס איז געווען ביי ראב"ד דוקא, תשובה על חטא.

און דאס איז אויך וואס מען זעט אז בתשובה על חטא דוקא ווערן נהפך זדונות לזכיות, וואס בתשובת צדיקים איז דאך ניטא דער ענין פון העיכת זדונות כו', ווייל תשובה על חטא דוקא דערלאנגט העכער, וואס פון דארטן דוקא קען זיין די הפיכת הזדונות, וכמשנת"ל בענין תחה"מ, הפיכת המות לחיות, אז דאס קומט פון למעלה מהשתלשלות.

יט. ענין בירור גקה"ט וועט זיין נאר לעתיד (אדער ע"י תשובה מאהבה רבה, כדאי' בתניא פ"ז ונת"ל ווי דורך תשובה מאהבה ווערן נהפך זדונות לזכיות). אבער אעפ"כ איז לפעמים מזמינים לו מלמעלה נסיונות - וואס דאס איז דאך ניט קיין סדר אין עבודת האדם, נאר וואס מען איז אים מזמין מלמעלה - וואס דורך די נסיונות ווערן נתברר אויך גקה"ט, כמבואר בד"ה אחרי פ"ב בסהמ"צ להצ"צ.

און דאס איז ע"ד שנת"ל בנוגע לתשוקת האדם - סיי אין דעם ענין פון מס"נ ורצוא למעלה, אזוי ווי ר"ע האט געזאגט, כל ימי הייתי מצטער מתי יבוא לידי, סיי אין דעם ענין היר ידה למטה, אזוי ווי דער בעש"ט האט געזאגט אז ער וויל דורכגיין דעם ואל עפך תשוב - אז ס'זיינען פאראן ענינים וואס אעפ"י אז ס'איז ניט כפי סדר עבודת האדם מצד עצמו, מכל מקום לפעמים מזמינים לו מלמעלה, עד"ז איז אויך בנוגע לפעולה בעולם, אז לפעמים מזמינים לו מלמעלה נסיונות, שעי"ז מתבררים גקה"ט כו'.